אידישע העלדן

שפאנענדער ראמאן פונ'ם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה

פון י. ג.

(פארזעצונג)

— שוועסטער קאטערינא, — אזוי רופט מען מיך דא. — איז שוין צו לאנג אין דעם קלויסטער, אום ניט צו קאנען געפינען א געלעגנהייט אויסצופירן איר ראכע, — האט די נאנע גערעדט מיט א שרעקלאכן שמייכל אויף אירע ליפן.

— זיי ווייסן דא, אז איך וועל פון דאנען ניט אנטלויפן, איך האב קיין פאמיליע און קיינע פריינט. איך האב שוין געהאט מער ווי איין מאל א מעגלאכקייט צו אנטלויפן, און איך האב עס ניט געטאן.

"עס איז אמת, אז א נאנע פון מיין גראד דארף ניט גיין אליין. צוערשט מוז איך האבן די דערלויבעניש פון דער אויפזעערן, אויב איך וויל ערגעץ גיין, און דאן גיט מען מיר מיט א באגלייטערן וועלכע דארף מיך היטן; אבער גיין קאן איך דאך, איך קאן דאך קומען צו אים, און אים זאגן אלעס, וואס איך האב אים צו זאגן, און דאן — — — — —

"א, דאן, זאל ער וויסן ווי א פארפירטע פרוי קאן נעמען ראכע פאר איר צעטראטענער ערע און פאר איר צעבראכענעם לעבן!

"וואס ווילט איר דען טאן?" — האט גיטל געפרעגט און איר שטימע האט ליכט געציטערט.

"איך וויל דיר עפעס זאגן", — האט שוועסטער קאטערינא גערעדט לאנגזאם מיט א שניידענדער שטימע, — אז איך בין געווען א מיידל, נאך ביי מיינע עלטערן אין דער היים, פלעגט עס מיך אפגרויזן, ווען דער שוחט פלעגט קוילן א הון, אזוי ווי אלע אידן, ניט געקאנט זען קיין בלוט, און איך האב ניט געוואגט אנצורירן א רעוואלווער. דאס איז אלץ געווען פריער.

"איצט מיין טייערע איז עס אנדערש. איצט וואלט איך געקאנט א מענשן צערייסן אויף שטיקער. א, ווי אין מיר קאכט דאס בלוט! מיין הארץ וויינט אין מיר אויף מיין פארלארן לעבן. א, ווען איך זאל קאנען שטילן מיין הארץ אין דעם בלוט פון מיין מלאך המות".

די צוויי אומגליקלאכע פרויען זיינען געבליבן זיצן איינע קעגן דער צווייטער, און האבן פאר עטלאכע מינוט צייט ניט אויסגערעדט קיין ווארט. דאך האבן זיי איינע צו דער אנדערער גערעדט. עס האבן גערעדט זייערע הערצער, זייערע ליפן האבן זיך ניט באוועגט, אבער דאס איז גארניט נייטיק געווען. ווען אומגליקלאכע מענשן באגעגענען זיך און ווערן פון בייזן שיקזאל פארווארפן אזוי ווי די צוויי פרויען זיינען פארווארפן געווארן, דארפן זיי איינע די אנדערע ניט פיל דערציילן. זייערע אויגן רעדן. זייערע הערצער רעדן. עס רופט און עס רעדט אין זיי יעדער נערוו. יעדעס טראפן בלוט וואס פליסט אין זייערע אדערן רייסט זיך נאך ראכע.

גיטל האט געקוקט אויף דער נאנע און די נאנע אויף איר, ווען עס האט זיך פלוצלונג דערהערט א גערויש אויף יענער זייט טיר. ביידע אומגליקלאכע האבן זיך דערשראקן. די נאנע איז צוגעלאפן צו דער טיר און האט זיך איינגעהערט פון וואנען דער גערויש איז געקומען. זי האט געהערט ווי מען עפנט טירן און ווי זיי ווערן פארמאכט. זי איז שוין געווען באקאנט מיט די באוועגונגען פון די טירן און האט פארשטאנען, אז עפעס גרייט מען זיך צו טאן, אז מען גרייט זיך צו באפאלן איינע פון די פארשפארטע נאנעס. זי האט אפגעווארט ביז דער גערויש איז אויף א ווײלע פארשטומט געווארן, זי איז צוגעלאפן צו גיטלען וועלכע איז געווען שטארק דערשראקן און האט איר אויף איר קאפ אפגעפרעסט א קוש, און איז גלייך ארויס. זאגנדיק צו איר זייער שטיל, אז זי וועט איר ניט פארלאזן.

גיטל איז געבליבן אליין. פון גיטלס הארץ האט זיך ארויסגעריסן א שווערער זיפץ. באלד האט א גאס געטאן פון אירע אויגן, די טרערן האבן זיך געגאסן אזוי ווי עס וואלט זיך ערגעץ וואו אין איר פארביטערט הארץ געעפנט א געהיימער קוואל. גיטל האט געוויינט, ווייסענדיק, אז קיינער זעט אירע טרערן ניט. דאך האט זי געפילט ווי האס ווײנען וועט איר העלפן, וועט איר ברייננגען וועלכע ניט איז האפענונג, וועלכע ניט איז שטראל אין איר פינסטערניש.

די טיר פון איר צימער האט זיך געעפנט. עס האבן זיך באוויזן צוויי נאנעס. גיטל האט א ציטער געטאן און זי האט זיך איינגעשטעלט אזוי ווי דאס הארץ האט איר געזאגט, אז עס קומט א נייער אומגליק אויף איר.

אין דעם נעקסטן מאמענט זיינען צוגעקומען צו איר די צוויי נאנעס — הויכע, מאגערע, אבער פעסט געבויטע און מיט בייזע און גראבע געזיכטסצוגן.

איינגעוויקלט אין זייערע שווארצע קליידער מיט די ווייסע ציפיקעס אויף זייערע קעפ האבן זיי אין דער האלבטונקעלקייט פון דעם צימער געמאכט דעם איינדרוק פון אמת'ע טייוואלים.

אן א ווארט צו רעדן האבן זיי אנגעכאפט גיטלען ביי די הענט און איר אנגעהויבן שלעפן.

"וואס ווילט איר? ווער זייט איר?" האט די אומגליקלאכע גיטל געפרעגט, זיך רייסנדיק פון זייערע הענט.

ביידע נאנעס האבן געברומט עפעס א תפילה און איינע פון זיי האט קוים ארויסגערעדט דורך די ציין:

"אין קארצער וועסטו אלעס וויסן. די הייליקע שוועסטער טערעזא, וועלכע האט אונז אהער געשיקט, וועט שוין שפעטער באשטימען דיין אורטייל, קום!"

זיי האבן ווידער אנגעפאנגען איר שלעפן ברוטאל.

די אומגליקלאכע גיטל האט זיך שטארק געווערט. זי האט אליין ניט געוואוסט פארוואס זי טוט עס און עס איז איר געווען איינגעפאלן, אז איר קאמף איז אומזיסט. זי האט אין דעם דאזיקן אויגנבליק געהאט נאר איין געדאנק, ניט צו לאזן זיך פירן פון די דאזיקע צוויי שרעקלאכע פרויען.

די צוויי בייזע מכשפות זיינען געווארן ווילד איבער גיטל'ס ווערן זיך, און האבן געמאכט א ליארם, א טומל, אז פון אלע קעמערלאך האבן אנגעהויבן ארויסלויפן צעשראקענע נאנעס.

צווישן זיי איז אויך געווען שוועסטער קאטערינא.

איין בליק איז פאר איר געווען גענוג צו פארשטיין וואס דא קומט פאר.

און אין דער מינוט ווען אלע נאנעס האבן געטומלט און גערעדט אלע צוזאמען, האט שוועסטער קאטערינא אומבאמערקט זיך צוגעצויגן צו גיטלען און איר אריינגעמורמלט אין אויער:

"אום גאטעס ווילן, מאך ניט דיין לאגע נאך ערגער, גיי וואוהין מען פירט דיך, איך וועל דיך רעטן!"

און גיטל האט זיך געלאזט פירן פון די צוויי נאנעס.

ליבע לעזער! מיר ווייסן ווי שווער עס איז פאר אונז איבערצולאזן די אומגליקלאכע גיטל אין דעם קארצער, אבער מיר מוזן איר דארטן לאזן און א קוק געבן אויף איר פארפאלגער, אויף דעם ווילדן שלאגט אין דעם מענשן געשטאלט, דעם רוסישן אפיצער כוואסטונאוו, וועלכער איז אנטלאפן אין דעם מאמענט ווען עס האט זיך באוויזן די עסטרייכישע מיליטער וואס האט אים געשטערט אויפצוהייבן דעם אידישן יונגערמאן, גיטלס התן.

קאפיטל 21

דאס אנטלויפן פון דעם קאפיטאן אלעקסאנדער כוואסטונאוו פון דעם שלאכטפעלד פון ביעליץ איז פאר די רוסישע סאלדאטן געווען א סיגנאל, אז די מלחמה איז פאר זיי פארלארן.

עס האבן נאך אומהיימלאך זיך אנגעשלאגן די באיאנעטן און וואו נאו וואו האט זיך נאך פון דעם האלז פון א דערמארדעטן רוסישן סאלדאט ארויסגעריסן א הייזעריקער אויסרוף: "פאר'ן קייסער און פאר'ן פאטערלאנד!" אבער עס האט געפעלט די שטארקע האנט פון א קאמאנדיר, וואס זאל אפשלאגן די אטאקע פון לייטענאנט לעווי'ס הייפעלע העלדן. און ווען דער פעלדפעבל, וועלכער האט פארנומען כוואסטונאוו'ס פירערשאפט איז געפאלן דורכגעשטאכן פון אן עסטרייכישן באיאנעט, האבן די רוסן פלוצלונג אוועקגעווארפן זייער געווער און איינער פון די אונטער אפיצערן האט א טרייסל געטאן הויך אין דער לופט זיין ווייסע טיכל, אלס צייכן, אז ער גיט זיך אונטער.

אין דעם זעלבן אויגנבליק האט דער קאמף אויפגעהערט. די רוסן, כאטש זיי זיינען געווען מער אין צאל, האבן זיך איבערגעגעבן צום שונא.

דער פייף פון טראמפייט האט געלאזט וויסן די קאמאנדירן פון די טרענטשעס, אז די שלאכט איז צו ענדע, און אז די עסטרייכער האבן געהאט א גלענצענדן זיג, און אז ביעליץ איז געראטעוועט געווארן פון דעם שונא.

און פון אומעטום, פון מארק, פון שמילנער גאס, און פון דער דייטשער גאס האבן צוזאמענגעשטראמט די קאמאנדירן פון די טרענטשעס, די חברים פון דעם אקאדעמישן פאראיין "יהודה" מיט זייערע סאלדאטן אום צו גראטולירן דעם לייטענאנט לעווי מיט זיין גרויסן זיג.

"נים איצט!" — האט דער לייטענאנט געזאגט ערנסט, — מיר זיינען נאכניט פארטיק מיט דער ארבעט, חברים, איך גלויב, אז דער בלוטיקער טאנץ הויבט זיך ערשט אן, צוערשט מוזן מיר מאכן ארדנונג אין ביעליץ.

מען האט צוערשט דורכגעזוכט אלע **רוסישע סאלדאטן, וועלכע האבן זיך** איבערגעגעבן אלס קריגסגעפאנגענע, אויב זיי האבן ביי זיך געווער, אדער אירגענט וועלכע וויכטיקע פאפירן און אונטער א שטארקן "קאנוואי" האט מען זיי אפגעשיקט נאך פשעמישל, מיט א באריכט צום קאמאנדיר הענראק, אונטער וועלמעס קאמאנדע עס זיינען געשטאנען די פינף אידישע חברים.

נאר דער סאלדאט **סעמיאן איז ניט** אוועקגעשיקט געווארן מיט'ן "קאנוואי".

"ער גייט מיט אונז", — האט לייטענאנט לעווי געזאגט. — "מאיר איז גערעכט, — מיר מוזן אויסגעפינען ווער עס איז דער געהיימער שמולקע, וועלכער האט געווארנט דעם רב פון דעם רוסישן איבערפאל און וואו ער איז דער דאזיקער שמולקע.

מען האט דאן אנגעהויבן אוועקנעמען די גע'הרג'עטע און די פארוואונדעטע סאלדאטן.

עס איז געווען א שרעקלאכע בילד, וואס עס האט זיך פארגעשטעלט פאר די חברים ווען זיי האבן זיך צוריקגעקערט אין שטעטל. אין אלע גאסן, און איבערהויפט ארום די טרענטשעס זיינען געלעגן הרוגים און שווער פארוואונדעטע. ביי אייניקע טויטע איז געלעגן אויפ'ן פנים א פארגליווערטער שמייכל, וואס האט אויסגעדריקט עטוואס שרעקלאכעס. ביי אנדערע זיינען די פנים'ער געווען שרעקלאך פארקרימט און זייערע פארגלעזערטע אויגן האבן אויסגעדריקט אזוי ווי א קללה קעגן דער גאנצער וועלט, וועלכע דערלאזט צו די דאזיקע בלוטיקע מלחמות.

און די פארוואונדעטע!

עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האבן אויסגעזעען ווי א שטיק רויע פלייש וואס שווימט אין א לוזשע פון בלוט, מיט אפגעשניטענע הענט, אפגעריסענע פיס און דורכגעלעכערטע גלידער. ביי איינעם איז געווען אראפגעשאסן די מארדע מיט דעם גאנצן אונטערשטן טייל פון דעם מויל. עס איז געבליבן נאר דער אויבערשטער האלבער פנים, און דער אומגליקלאכער האט געלעבט!

זינט ביעליץ עקזיסטירט האט זי נאך ניט געזען אזא בלוט - באד.

(פארזעצונג קומט)

מוזיק העלפט באפרייען פארמער פון זיין גרעסטן שונא

ענטדעקן אז אונטער געוויסע מוזיקאלישע קלאנגען פארניכטן זשאבעס דעם קארטאפל זשוק

ווער געדיינקט עס ניט די מעשה'לע וועגן "פייד פייפער" פון העמלין, וואס האט דורך זיין כישוף'דיקן שפילן אויף זיין פייפל פארנארט אלע מייז, וואס האבן פארפעסטעט די שטאט, גלייך אין טייך אריין און זיי זיינען דארט דערטרונקען געווארן? דאס איז זייער א שיין מעשה'לע און כמעט אלע קינדער אין שול - עלטער ווייסן עס. האט מען די גאנצע צייט געדיינקט אז דאס איז ניט מער ווי א שיין מעשה'לע, א שיינע לעגענדע.

לייענען מיר אבער א געשיכטע וואס דערמאנט זייער שטארק די מעשה'לע פון דעם "פייד פייפער". זי איז אויף אזוי פיל ענלאך צו איר, און נאך מער, די פאסירונג איז אפילו וויסנשאפטלאך באגרינדעט, אז עס קומט ניט ווילנדיק אויפן זינען אז אפשר איז גאר די געשיכטע מיט "פייד פייפער" ניט קיין אויסגעטראכטע, נאר אין איר געפינט זיך א קערנדל אמת.

פאסירט האט אט וואס:

די פארמער פון נעבראסקא וואס פארנעמען זיך מיט אנטוויקלען קארטאפל האבן שרעקלאך געליטן פון די קאלאראדא זשוקעס, וועלכע ווערן געוויינלאך באצייכנט אלס קארטאפל זשוקעס, דערפאר וואס זיי האבן שטארק ליב קארטאפל פעלדער. טויזנטער און מיליאנען דאלאר פלעגן די דאזיקע פארמער צוליב דעם פארלירן יערלאך. זיי האבן אבער דערצו קיין עצה ניט געקאנט געפינען.

וויסנשאפטסלייט האבן געטאן אלעס אין זייער מאכט צו העלפן די פארמער מיט שפריצונגען און אנדערע מיטלען, אבער אן דערפאלג. איין זאך האט מען געוואוסט, זשאבעס האבן זייער שטארק ליב אט די זשוקעס, אבער ווי אזוי ארויפצוברייינגען די זשאבעס אויף די קארטאפל פלאנטאציעס און זעען אז זיי זאלן פארניכטן די דאזיקע זשוקעס, האט די וויסנשאפט קיין מיטל ניט געקאנט געפינען.

דארף פאסירן אז גראדע א מוזיקער זאל אנטדעקן דעם סוד און געבן דעם לאנג דערווארטעטן מיטל.

די אנטדעקונג, ווי פילע וויכטיקע אנטדעקונגען איז געמאכט געווארן צופעליק. פראפעסאר לובקער האט מיט זיין בענד געגעבן יעדן שבת אוונט קאנצערטן אין ביוועד פלעטס, נעבראסקא. האט ער איין שבת אוונט פון לעצטן סעזאן באמערקט אז דאס שפילן פון זיין בענד האט צונויפגעזאמלט א גוואלדיק גרויסע זשאבעס צו דעם פלאץ וואו ער האט די קאנצערטן געגעבן.

ער האט זיך פארטראכט, זיך בארא טן מיט וויסנשאפטסלייט, און אויסגעפונענדיק פון זיי אז זשאבעס האבן זייער שטארק ליב קארטאפל זשוקעס, האט ער באשלאסן צו מאכן אן עקספערימענט. ער איז אוועק אין א נאענטער קארטאפל פלאנטאציע, האט אויסגעשטעלט מוזיקער און האט אנגעפאנגען צו געבן א קאנצערט, ווי עס האט אויסגעוויזן פאר די קארטאפל. עס האט זיך אבער שנעל ארויסגעוויזן אז ער האט געקראגן צוהערער — די זשאבעס האבן זיך באוויזן; און ניט נאר זיי האבן זיך באוויזן, נאר זיי האבן זיך טאקע מיט אן אימפעט ארויפגעווארפן אויף די קארטאפעל זשוקעס וואס האבן פארפעסטעט די פלאנטאציע.

פראפעסאר לובקער איז גלייך געווארן דער העלד פון טאג. פון אלע זייטן זיינען די פארמער באפאלן און מיט אים געמאכט קאנטראקטן אז ער זאל געבן קאנצערטן אויף זייערע קארטאפל פלאנטאציעס.

ווייטערדיקע עקספערימענטן האבן באוויזן אז די זשאבעס — כאטש מען האט שוין לאנג געוואוסט אז זיי ווערן באאיינפלוסט פון מוזיק — זיינען ניט פארקאכט אין מוזיק בכלל, נאר אז צו זיי אפעלירט בלויז א געוויסער סארט מוזיק. מען האט צום ביישפיל אויסגעפונען אז מוזיק וואס ווערט געשפילט אין "עם דור" און וועלכער "עם דור" דאמינירט ציט צו די זשאבעס, אבער צו מוזיק געשפילט אין אנדער שליסל בלייבן זיי גלייכגילטיק. אבער פארוואס איז דאס אזוי?

נאך לאנגע עקספערימענטן איז מען דערגאנגען אז דער מוח פון דער זשאבע וויברירט סימפאטיש מיט דעם קלאנג פון "עם דור". דערהערט די זשאבע די דאזיקע קלאנגען, פאנגט איר מוח אן צו וויברירן סימפאטיש מיט די דאזיקע וויבראציע פון דעם מוח טראגט זיך איבער צו אירע פארדייאונגס ארגאנען, שאפנדיק דארט א פארגרעסערטן אפעטיט פאר איר ליבלינג שפייז.

געוויינלאך איז די זשאבע סענטימענטאל און איבערקלייבעריש ווען עס קומט צו שפייז, זי וועט זיך צום ביישפיל קיין מאל ניט ווארפן אויף איר קרבן סיידן ער איז נאך לעבעדיק. דערפאר פאנגט זי אים שטענדיק ווען ער איז אין באוועגונג. די זשאבע ווען זי באמערקט דעם קארטאפל זשוק, כאפט זי אים ניט גלייך, נאר זיצט און ווארט ביז דער זשוק רירט זיך פון ארט, ערשט דאן כאפט זי אים. אבער אונטער די קלאנגען פון מוזיק מיט וועלכע איר מוח וויברירט אין סימפאטיע, אין שליסל "עם דור", ווארט זי ניט אז דער זשוק זאל זיך באוועגן, נאר ווארפט זיך גלייך אויף אים ווי זי דערזעעט אים נאר. איר אפעטיט ווערט דאן אומבאשרייבלאך און זי עסט פינף מאל אזויפיל ווי געוויינלאך.

קאן מען טאקע יעדן אוונט הערן אויף די קארטאפל פלאנטאציעס אין נעבראסקא פראפעסאר לובערקס בענד שפילן. פאר זעקס דאלאר א אקער באפרייט ער די פארמער פון זייער גרעסטן שונא.

קווינס טעאטער

מיטוואך דעם 12טן פעברואר

פירן מיר אויף צום דריטן און לעצטן מאל, אויפ'ן אלגעמיינעם פארלאנג אונזער סוקסעס אפערעטע-

דער גאלדענער חתן

לואיס קרעמער

צוזאמען מיט

פלארענס וויס און משה אוישער

און דעם גאנצן אנסאמבל אין שיינע אמוזירנדיקע ראלן.

באזארגט זיך שוין מיט טיקעטס

טעלעפאן 51 108

NEW PALACE THEATRE

היינט

ריטשארד בארטעלמעס אין

די נעץ

א ריידנדיק און זינגענדיק בילד, אויך ריידנדע קאמעדי. סעריאל. פאבלען

עסטאנישער פרעזידענט שטאלץ מיט אידישער אויטאנאמיע

ווארשע, פעב. 11 (איטא). — ה' סטראנדמאן, מלוכה פרעזידענט פון עסטאניע, וועלכער באזוכט איצט פוילן, האט געמאכט די פאלגנדיקע דערקלערונג פאר די אידישע זשורנאליסטן:

"מיר זיינען שטאלץ, וואס עסטאניע איז געווען דאס ערשטע לאנד צו אנערקענען די פולע רעכט פון דער אידישער מינדערהייט, געבנדיק זיי די געלעגנהייט פון פרייער אנטוויקלונג דורך א נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע. מיר האבן דערביי געגעבן גלייכע רעכט צו די אידישע און צו די העברייאישע שולן".

סאוועטישער לאנד קאמיסאריאט באשליסט צו גרינדן קאנטראל איבער "קאמזעט"

מאסקווע, פעב. 11 (איטא). — דער סאוועטישער לאנד קאמיסאריאט האט באשלאסן צו גרינדן א קאנטראל איבער דעם "קאמזעט", און האט באשטימט איינעם פון אירע מיטגלידער, אדינצעוו, ער זאל זיך באקענען מיט דעם אופן ווי די אידישע קאלאניזאציע ארבעט ווערט אנגעפירט.

אין דער זעלבער צייט דערוויסט זיך דער קארעספאנדענט פון דער "אידישער טעלעגראפן אגענטור" אז דער לאנד קאמיסאריאט האט באשלאסן צו שיקן א ספעציעלע דעלעגאציע פון רעגירונגס אינספעקטארן קיין בירא-בידזשאן צו זעען ווי די אידישע ארבעט ווערט דארט אנגעפירט און צו באריכטן וועגן דער דאזיקער ארבעט צו דער רעגירונג.

ארבעטסלאזע אין קליוולאנד שטורעמען סיטי האל

קליוולאנד, אהייא, פעב. 12. — א המון פון 2,500 ארבעטסלאזע האבן ארומגערינגלט דעם סיטי-האל, פאדערנדיק ארבעט אדער שטיצע. די פאליציי, וואס האט געפרואווט צעטרייבן זיי, האבן זיך באגעגנט מיט א ווידערשטאנד, און די דעמאנסטראנטן האבן זיך געשפארט צום אריינגיינגען.

דער פייער דעפארטמענט איז ארויסגערופן געווארן און א שטראם וואסער איז געלאזט געווארן אויף די דעמאנסטראנטן, וואס האט זיי געצוואונגען פאנאנדערצוגיין זיך.

היינט אויף דער ראדיא

CKY 780
7.00—האלבע שעה מיט אנקל פרעד.
7.30—מוזיק.
8.00—ראדיא ברידזש גיים.
8.30—לאנדרי קאנצערט.
9.00—פאמיליע נאכט פיטשור.

CJGX 475.9
יארקטאן
7.15—פארמערס פריירי ראדיא שעה.

CJRW 499.7
פלעמינג
5.40—מוזיק.
6.00—אנקל פיטער.
6.50—מוזיק.
7.00—פראפ. וו. ט. עליסאן.

WEAF 650
7.00—ניו יארק. קלאסיקס.

WMAQ 670
7.00—שיקאגא. פארשייד. קאנצערט
8.00—שיקאגא. מוזיק.

WCCO 810
8.00—מינעאפאליס, סט. פאול. ארקעסטער.

WTAM 1070
8.30—קליוולאנד. קאנצערט ארקעסטער.

WLW 700
9.00—סינסינאטי. קאנצערט.

WDAF 610
9.30—קענזאס סיטי. קאנצערט נומערן.

WMAQ 670
10.00—שיקאגא. פיטשור שטונדע.

KYW 1020
10.45—שיקאגא. טאנץ מוזיק.

WBAP 800
10.45—פארט ווארט. קלאסיקס.

WTMJ 620
10.50—מילוואוקי. טאנץ ארקעסטער. ארגאן.

KMBC 950
11.00—קענזאס סיטי. טאנץ מוזיק.

WMAQ 670
11.00—שיקאגא. טאנץ מוזיק.

WENR 870
11.20—שיקאגא. פארשייד. פראגראם.

אין פעלעס טעאטער

דער פאפולערער מאווי סטאר, ריטשארד בארטעלמעס, צוזאמען מיט אן ערשט קלאסיקן קעסט שפילן היינט אין פעלעס טעאטער אין דעם זייער אינטערעסאנטן בילד "די נעץ" — א דורכאויס ריידנדיק און זינגענדיק בילד וואס וועט אייך זייער פאראינטערעסירן.

אויסער דעם דאזיקן בילד ווערט געוויזן א דורכאויס ריידנדיקע און זייער אמוזירנדיקע קאמעדיע. אויך סעריאל און פאבלען.

ווי אזוי אמעריקאנער מיידל האט אויסגענארט א ביאלאסטאקער חתן

פון ביאלאסטאק שרייבט מען:

וואו ווערן אונזערע יונגעלייט ניט פארוואגלט צו זוכן א שטיקל גליק? איר טרעפט זיי אומעטום: אין אמעריקע, אפריקע, אויסטראליע און אין אלע עקן פון דער וועלט.

איינעם פון זיי איז אבער באשערט געווען געהאלפן ווערן דוקא אין אונזערע מקומות, אין א שטעטל ניט ווייט פון ביאלאסטאק.

דער דאזיקער יונגערמאן איז פון א פיינער משפחה, א גאנץ פעאיקער און האט אין האנט עטלאכע פאכן. ער איז אויך אן עלעקטרא טעכניק. איז אים מיט א צייט צוריק גראד אויסגעקומען צו באקאנען זיך מיט א בילד פון א מיידל וואס געהאנגען אין איינער פון די שטיבער וואו ער האט געארבעט.

ער האט זיך פאראינטערעסירט מיט דעם בילד.

האט ער אנגעהויבן נאכפרעגן ביי די בני בית און זיי האבן אים דערציילט, אז דאס איז זייערע א קרובה, זי איז שוין דריי יאר אין אמעריקע, און אויב ער האט שטארק חשק קאנען זיי אים ריידן מיט איר א שידוך.

קורץ מען האט זיך באלד גענומען צום ענין, פארבונדן א קארעספאנדענץ צווישן דעם בחור און דעם מיידל און די זאך איז געגאנגען א וועג.

פלוצלונג באקומט דער בחור אינמאל א בריוו פון אמעריקע פון א צווייטער אומבאקאנטער מיידל, וועלכע שרייבט אים, אז זי איז יענער מיידל'ס א חבר'טע און לייענט א דאנק דעם אלע זיינע בריוו, אבער זי גלויבט ניט, אז פון דעם שידוך זאל עפעס ארויסקומען, ווייל די חבר'טע וועט אים ניט געפעלן ווערן — זי איז אויף דעם בילד א סך שענער ווי אין לעבן און דער עיקר — זי דארף נאך ווארטן א פאר יאר ביז זי וועט ווערן אן אמעריקאנער בירגערין. דערפאר אבער איז זי, עס הייסט די שרייבערקע, יא א בירגערין, און קלייבט זיך כמעט פארן קיין "יוראפ" אויף א לוסט רייזע . . .

און עס האט טאקע לאנג ניט געדויערט און די "שרייבערקע" איז ארויסגעקומען פון אמעריקע, געבראכט מיט זיך עטלאכע טויזנט דאלאר (ניט אין קאציעס) און ביים יונגערמאן אין די אויגן שטארק נשא חן געווען.

דערווייל האבן די קרובים פון דער ערשטער "כלה" באקומען פון איר בריוו, אז פון קארעספאנדירן זיך וועט גארנישט ניט ארויסקומען. זי וויל בעסער קומען און זיך באקאנען מיט איר "באשערטן" פערזענלאך.

האבן איר די קרובים געענטפערט זי זאל זיך ניט איילן, ווייל איר "באשערטער" האט שוין לאנג אין ביאלאסטאק ביים ראבינער אפגעכאפט א חופה מיט איר חבר'טע. . .

אין קווינס טעאטער

"דער גאלדענער חתן", אפערעטע אין דריי אקטן און צוועלף נומערן געזאנג האט אזוי גוט אויסגענומען ביים עולם, אז דאס קווינס טעאטער מענעדזשמענט האט באשלאסן צו שפילן עס צום דריטן און לעצטן מאל דעם סעזאן היינטיקן מיטוואך.

די קווינס טעאטער פאטראניזירער וועלכע האבן נאך ניט געזען די דאזיקע אפערעטע וועלן זיין זייער צופרידן פון "דעם גאלדענעם חתן". פלארענס וויס און משה אוישער צוזאמען מיט לואיס קרעמער און דער גאנצער אנסאמבל האבן זייער שיינע ראלן צו שפילן, זעט די דאזיקע אפערעטע מיטוואך אוונט.

מודעה

איך מאך באקאנט צו אלע אידן אין וויניפעג אז דער בוטשער שאפ פון חיים-הירש גאלסקי, פון 225 דאפעריו עווענו, איז איצט אונטער מיין השגחה, און דאס פלייש וואס ער פארקויפט איז כשר פאר אלע אידן.

הרב י. י. כהנאוויטש

קלאסיפייד סעקשען

Classified Section

ספעציעלע פרייזן פאר ארוועטייזינג אין דער קלאסיפייצירטער אפטיילונג

אין מאל, 5 ס. פער "אגייט ליין"
פאר א וואך, 20 ס.
פאר א מאנאט, 75 ס.
פאר 3 מאנאט, $2.15 "
פאר 6 מאנאט, $4.00 "
פאר 1 יאר, $7.50 "

:: צו פארקויפן ::

FOR SALE

צו פארקויפן א דזשענעראל סטאר אין א גוטער סאסקאטשעוואן ביזנעס שטעטל. סטאק ארום $12,000. יערלאכער אומזאץ $50,000. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7102.

זייער ביליק צום פארקויפן —

סילווער פליימעד קייק טרייס און פיי רעקס און לידים העגר בענס. סייל בלויז אויף צוויי וואכן. 127 מעקענזי סטריט, קארנער סעלקירק.

:: פערזענלאכעס ::

PERSONAL

דר. דזש. ה. דיקסאן (דאנטיסט)
814 סאמערסעט בלאק
אפיס שטונדן 9—6 און ביי אפאינטמענט
טעלעפאן 26 959 — רעז 45 982

PROF. SCOTT 88 106
200 פארטערדזש עוו. איבער לייסעאום טעאטער
גייסט בעסטע פאקס טראט און וואלץ סטעפס
קלאסן און סטריקטלי פריוואטע לעסאנס.
דאלער קורס פון לעסאנס $5.00

אנדערוואוד
טראגבארער—טייפרייטער
4 בענק סטאנדארד קיבארד
געשיקט אויף אפרואוואל
זייער לייכטע טערמס
UNITED TYPEWRITER CO. LTD.
Canada Bldg. Donald St.

איבערגעבויטע טייפרייטערס
גאראנטירט. שרייבט פאר אילוסטרירטן פרייז ליסט.
פרייער אינסטרוקציע בוך וועגן טייפרייטינג געגעבן מיט יעדן איינקויף. קלינינג און ריפערינג פינקטלאך געמאכט.
ספעשל רענט רייטס פאר סטודענטן
MODERN OFFICE APPLIANCES LTD.
249 Notre Dame Ave. Phone 24 783

געלט!
פאר אייערע באלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג. שטרענג פארטרויאלאך
אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

א פיינער אנשטענדיקער באי פון א פיינער פאמיליע פון רוסלאנד זוכט די באקאנטשאפט מיט א פיינער מיידל אין עלטער ביז 30 יאר. זאל זיין פון מיטעלן וואוקס, פון א פיינער פאמיליע, זאל זיין באלעזן אין ענגליש און אידיש. דער באי וואוינט אין מערב קאנאדע און ער איז פאר זיך אין ביזנעס. דאס ריכטיקע מיידל וועט זיך פילן גליקלאך. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7211.

איך, יוסף פעלדמאן, פון 780 פלארא עוועניו, וועל פון היינט אן, דעם 12טן פעברואר, 1930, מער ניט זיין פאראנטווארטלאך פאר די שולדן פון מיין פרוי סיליע פעלדמאן, ווייל זי האט מיך פארלאזט.
יוסף פעלדמאן

אייער אלטע מעבל געמאכט ניי
און טאקע ביי אייך אין דער היים
בעסטע ארבעט פאר ביליקסטע פרייזן.
רופט מיך אפ
23 629

אינשורענס
די עלטסטע און ראיעלסטע לעבנס, פייער און אווטאמאביל קאמפאניס.

ריל עסטייט
שנעלע, ארנטלאכע באהאנדלונג פאר קויפער און פארקויפער. מארטגעדזשעס און לאאנס אונזער ספעציאליטעט.

שיפס קארטן און געלט שיקונג
דורך "באלטיק אמעריקא ליין".

געשעפט געלעגנהייטן
דער גרעסטער אויסוואל פון גוטע געשעפטן אין שטאט און אין קאנטרי.
עס וועט זיך אייך באצאלן זען
ה. פערלמאן, י. יאו, נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

נעשעפט געלעגנהייטן

Business Opportunities

צו פארענטן אדער פארקויפן א סטאר געביידע און א גוטע לאקיישאן מיט פיקסטשורס און פיינער וואוינונג מיט א סטעל אין סאסקאטשעוואן מיט א באפעלקערונג פון ארום 150. גרויסע גוטע טעריטאריע. בלויז איין דזשענעראל סטאר איצט. די סטאר ווערט פארקויפט צוליב דעם טויט פון דעם אייגנטימער. פאר מער איינצעלהייטן שרייבט צו דאס אידישע ווארט באקס 7152.

פארלאנגט א פארטנער אין די פערציקער יארן מיט $5,000 קעש פאר א גוט גייענדיקן האלסייל געשעפט. גאראנטירט צו מאכן א שיין לעבן און שפארן געלט. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7222

ארבעטער פארלאנגט

HELP WANTED

פארלאנגט א סיילסמאן צו פארקויפן א גוט באצאלטן ארטיקל. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7192.

פארלאנגט אן ערשט קלאסיקן עקספיריענסד מאן פאר דזשענטס פורנישינג, קלאדינג, בוטס און שיך. מוז קאנען רעדן וועגן ווינדאוס און שרייבן שאו-קארדס. מוז האבן רעפערענס. זיך ווענדן צו נ. י. מאזא. 225 מעקדערמאט עוועניו, פון 5 ביז 6 נאכמיטאג.

:: צו פאררענטן ::

FOR RENT

צו סובלעטן א דריי רום סוויט, מיט סטים באהייצט און שטענדיקע הייסע וואסער. זייער ביליק. זיך ווענדן סוויט 7 נארטערן בלאק, 92 מעקגרעגאר סטריט.

ווינשענסווערטע אפיסעס
צו פארענטן
מעקאינטייר בלאק
McINTYRE'S LTD.
512 McIntyre Block Winnipeg

צו פארענטן א 5 רום סעמי מאדערן הויז נאענט צו א סקול. מען קאן אריינמופן דעם 15טן פעברואר. זיך ווענדן צו
MISS PATTERSON
465 Flora Avenue Winnipeg

עקאנאמיזירט אויף אפיס רענט
קויפט פלאץ אין אונזער גוט באלויכטענער ניי רעמאדעלטער געביידע
סוויט פון 3 אפיסעס, 2טן פלאר, $70
סוויט פון 2 אפיסעס, 3טן פלאר, פון $25 ביז $35
באלדיקער באזיץ. זיך ווענדן
BANQUE CANADIENNE NATIONALE
433 Main St. Phone 21 577 or 24 467

א ווינשענסווערטע סטאר
בראדוויי ארום באלמאראל—פאסנד פאר גראסערי, מילינערי, בעקער אדער ביוטי פארלאר. באלדיקער באזיץ. ריזאנייבל רענט.
SIMPSON & MITCHELL
26 365 701 Union Trust Bldg.

רעדוואוד אפארטמענטס
ניט געפורנישטער סוויט
צוליב ניט פאראויסגעזעענע סבות קאן מען איצט רענטן א צוציענדיקן סוויט אין דעם פאפולערן אפארטמענט בלאק. טעלעפאנירט 26 365 אדער זעט דעם קערטייקער, סוויט 10.

:: שטעלע פארלאנגט ::

SITUATION WANTED

נוירס פון רוסלאנד פארלאנגט ארבעט ביי קראנקע, בייטאג. מאסאזשירן, באנקעס און פוי קימפעטארנס. מעסיקע פרייזן. טעלעפאן 51 770.

אידיש העברייאישער לערער פארלאנגט א שטעלע אין שטאט אדער קאנטרי. ערשט פון יוראפ. קאן אויך פויליש, דייטש, רוסיש און רומעניש. געהאלט פראגע ניט אפשטעל. ווענדן: פארבער, 504 דאפעריו עוועניו.

עקספיריענסד קלערק פארלאנגט א שטעלע. גוטער סטאק קיפער און סיילסמאן. לאנגע דערפארונג. בעסטע רעפערענסעס. זיך ווענדן צו ה. א. וו. באקס 7005.

העגט געפיינטעטע
אריגינעלע לאמפ שיידס און קושאן קאווערס
אין פארשיידענע דעזיינס
געמאכט צו ארדער
קומט און זעט אונזער ארבעט
א. דוקאן
ARTISTIC LAMP SHADE CO.
839½ Main St. Phone 52 576

ווען אין סאסקאטון
שטייט אין
WINDSOR HOTEL
1st Ave. and 20th St. E.
הייסע און קאלטע וואסער
יוראפייאישער פלאן. באקוועמע רייטס
דור עלים. אייגנטימער

איטע באראניסקי ע"ה

מיר דריקן אויס אונזער מיטגעפיל צו די זין און טעכטער אויף דעם פארלוסט פון זייער מוטער. מיר ווינשן זיי, די אייניקלאך און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. דז. וואלאדארסקי און פאמיליע